THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. IX. No. 10 — **50 CENTS A YEAR** — **JUNE, 1927**

WHY DID GOD KILL HIS ONLY BEGOTTEN SON?

Dear Sir:

> You claim that Jesus was the Son of God, and He died for our sins. That seems to me absurd. What would you think of a man who would kill one of his sons in order to wipe off the sin of his other sons? We would certainly consider him a murderer or perhaps crazy, and yet, you believe that our Heavenly father killed his only son. If you hope to convert me, you will please answer me that question.
>
> J. S.

Our Jewish friend who has written us the above letter is evidently an honest seeker after the truth. He has expressed in this letter the opinions of many philosophers and worldly thinkers.

The trouble is that he has not taken into account a very important consideration. In our own Old Testament in Isa. 55:8, 9, God told us

> "For my thoughts are not your thoughts, neither are your ways my ways, saith the Lord. For as the heavens are higher than the earth, so are my ways higher than your ways, and my thoughts than your thoughts."

In other words, all the philosophy of this world, and all its speculations, and all its thinkings are only human. Who are we to set ourselves up as judges of what God does or what He wants to do? Can the clay say to the potter, who made me? If we are going to take every thing which God has done from the creation of this world up to the present time, and lay it alongside of our own human judgment, we will find ourselves in a great quagmire of doubt and despair and difficulty. You cannot explain on any ground of human philosophy all the things which God in His sovereignty has chosen to do. How will you explain the flood in the time of Noah on any ground of human philosophy? How will you explain the record of the night in Egypt when all the first born of Egypt were slain, and God told the Jews that if they wanted to escape the slaughter of the first born they should sprinkle blood upon their door posts? You are a good Jew and you know the record of how God dealt with our people thru the ages past; and yet there is hardly a single instance which could not be completely demolished when put to the test of human philosophy.

So you must make up your mind whether you are going to follow the limited circle of human reasoning, or whether you are going to escape from that cage and find your liberty in the fullness of the knowledge of God's revelation. Revelation is not reason, nor is it philosophy; it is a revealing by God of His purposes and plans for us; and when we realize this, we will discover that such a revelation can never be brought down to the limits of our poor puny, finite minds.

Now to come to the actual question you have raised, you know that Gold told us in Lev. 17:11

> "For the life of the flesh is in the blood, and I have given it to you upon the altar to make an atonement for your souls: **for it is the blood that maketh an atonement for the soul."**

Now you are a good Jew and you know that without the shedding of blood we can have no forgiveness with God. In the olden days when a Jew sinned he brought a lamb to the priest; and the blood of that lamb forgave his sins; that is, God had said to the Jew that with the shedding of that blood there would be forgiveness for his sin; and the Jew believed it and God forgave his sins. Now every Jew knows that there is no power in the blood itself to forgive sins, but because the Jew **believed God,** therefore his sins were forgiven. Likewise Abraham believed God and God counted that to him for righteousness.

Now the sins and the wickednesses of our Jewish people had become so great that God finally said, "I will myself go down to the earth and live in a human body, and offer myself for a sacrifice and the blood thus shed will be for the forgiveness of any who will believe. And so God came down, and Christ was simply another manifestation of God in bodily form—Christ was God. He was crucified and His blood was shed for the sins of all who believed in Him. Just as the blood of the lamb was shed in the days of the high priest for the sins of that Jew who believed.

Our own prophet Isaiah in the 53rd chapter tells all about this as you will see if you will read these verses:

> "He is despised and rejected of men; a man of sorrows, and acquainted with grief: and we hid as it were our faces from him; he was despised, and we esteemed him not. Surely he hath born our griefs, and carried our sorrows; yet we did esteem him stricken, smitten of God, and afflicted. But he was wounded for our transgressions, he was bruised for our iniquities: the chastisement of our peace was upon him; and with his stripes we are healed."
>
> Isa. 53:3, 4, 5.

The Lord Jesus Christ told the disciples very distinctly that He of His own free will was going to lay down His life.

> "Therefore doth my Father love me, because I lay down my life, that I might take it again. No man taketh it from me, but I lay it down of myself. I have power to lay it down, and I have power to take it again. This commandment have I received of my Father."
>
> John 10:17-18.

Now, dear friend, you see that there is no use for us to ask why God did certain things nor to judge God by our own standards. All we can do is to accept joyfully that which God has told us to accept, and believe Him, and obey Him by accepting the Lord Jesus Christ as our Saviour and believing on His shed blood for the forgiveness of our sins. Today no Jew has any promise or assurance of eternal life or the forgiveness of his sins, aside from the blood of the Lord Jesus Christ. Will you accept Him and will you appropriate His atonement on the cross for yourself so that thru Him you shall have salvation and eternal life?

BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton St.

Brooklyn, N. Y.

Come to Our Meetings

EVERY FRIDAY	**8 P. M.**
EVERY SUNDAY	**8 P. M.**

You are cordially invited to any of these meetings. Come, bring your friends, we have a message to give you that is of the greatest importance to your soul's salvation.

ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

ווערט אן אטעאיסט? מאנכע פון זיי ווערט דאן נמאס דאס לעבען און זיי שפרינגען אין וואסער, הענגען זיך, נעמען־איין סם אדער דערשיסען זיך מיט א רעוואלווער.

דאגעגען אבער דער גלויבען אין ישוע המשיח איז נישט א מצות אנשים מלמדה, נייערט אן אינדיווידועלע איבערצייגונג, ווייל עס זיינען פאראן געוויסע שכל'דיגע און פראפעטישע אורזאכען אז מען דארף גלויבען אין ישוע המשיח. דער גלויבען ווערט איינגעקריצט אין הערץ פון מענש און קיין שום זאך אין דער וועלט קאן עס פון דארט אוועקשאפען.

ישוע המשיח האט ארויפגעלעגט זיין חותם אויף יעדען ווארט פון תנ"ך. דער וואס גלויבט אין ישוע המשיח קאן קיינמאל נישט צווייפלען אין דער תורה. דיעזער גלויבען גיט אויך די שטארקסטע האפנונג פאר תהיית המתים און איין ערהאבענע צוקונפט פאר חיי עולם, וואו מ'זעהט זיך פנים אל פנים מיט'ן הייליגען גאט דורכ'ן הייליגען משיח. יא, דער גאנצער ענין האט א שכל'דיגען גרונד און א פעסטען פונדאמענט אויף וועלכען דער גלויביגער בלייבט שטעהן אונבאריהרט פון אירגענד וועלכע כוואליעס וואס קומען פון די פארפינסטערטע מוחות ווי ניטשע, שפינאזא א. ד. ג.

דארום, ווערטהע לעזער, דארפט איהר אייך באמיהען אז אייערע קינדער זאלען לייענען דעם „רעה ישראל", וועלכעס וועט זיי געבען חזקות אין גלויבען און זיי באהיטען פון ספקות און אונטערגאנג.

גרויסע אידען

דא שטעלען מיר דאס בילד און די ביאגראפיע פון דעם גרויסען איד רעוו. דר. משה עפשטיין פון מעמעל, פרייסען.

דר. עפשטיין איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען ביי א פראמינענטער און געהויבענער פאמיליע. זיין משפחה איז באשטאנען פון גרויסע לערנערס, חסידים און רבנים.

משה עפשטיין איז יונגערהייט א יתום געבליבען, זיין פאטער איז נפטר געווארען ווען ער איז נאך געווען א קינד, און זיין מוטער האט דערפאר געמוזט מיט'ן קינד צוריקגעהן צו איהר פאטער אין רוסלאנד, וועלכער איז געווען דער גרויסער בעל מקובל ר' הוד'ל חריף. זיין מוטער איז אבער אויך באלד געשטארבען און אזוי איז דער קיילעכדיגער יתום, דער צוקונפטיגער גרויסער איד, אויפגעצויגען געווארען אונטער דעם גרויסען זיידענ'ס השגחה.

ויהי היום, האט דער רוסישער צאר ארויסגעגעבען גרויזאמע גזירות איבער אידען, עס איז פשוט אונערטרעגליך געוועזן פאר א איד דארט צו וואוינען, האט דער זיידע מיט דער גאנצער פאמיליע אויסגעוואנדערט נאך ארץ ישראל און דארט איז אונזער משה אויפגעוואקסען אין די ישיבות איבער ש"ס ופוסקים. ווי געוועהנליך, פאלט דאס עפעלע נישט וויט פון ביימעלע, משה האט ארויסגעציגט גרויס חריפות אריינגעראטען אין זיין זיידען. אלע האבען אויף איהם אהינגעוויזען אלס דער צוקונפטיגער גדול בישראל.

בין השמשות האט ער זיך אבגעגעבען מיט אנדערע וויסענשאפט, ספעציעל לערנענדיג פרעמדע שפראכען. שפעטער וועלען מיר זעהן ווי ניצליך די פרעמדע שפראכען זיינען איהם געווען.

אין יענע יאהרען ווען די מיסיאן האט ערשט אנגעהויבען איהר טעטיגקייט, איז זעהר זעלטען געווען צו הערען אז א איד האט געזאלט אננעמען די אמונה אין ישוע המשיח. דאך האט זיך אויך דאס געטראפען אין ירושלים. די גאנצע שטאדט איז דאמאלס געווען אויף רעדלעך, מ'איז פשוט געווען אש להבה געגען יענעם איד וואס האט געוואגט עפענטליך ארויסצוקומען פאר דער אמונה. אונזער יונגען עפשטיין האט דאס לכתחילה אויך זעהר געקרענקט, ווי הייסט, היתכן? . . . שפעטער

האט עס איהם נור פארדראסען און נאך שפעטער האט ער נור פאראיבעל געהאט, ענדליך האט ער אבער חשק באקומען אויך אליין צו קריגען דאס פארבאטענע און פארהאסטע ביכעל, און ער האט עס אויך באקומען [illegible] דירעקט צוגעשיקט פון האמבורג, דייטשלאנד.

דארט אין בית המדרש [illegible] איהם זיך שאקלען איבער א גרויסער גמרא, [illegible]גנדיג אויפ'ן טיש און אריינקוקענדיג אין דעם קליינעם ברית חדשה'לע, האלטענדיג אין האנד אונטער'ן טיש, לעזענדיג עס בשתיקה, נישט באמערקענדיג אז א פאר אויגען פון יענער זייט טיש זעהען בגנבה וואס ער טהוט.

זייט דאמאלס האט אונזער גרויסער איד נישט מעהר געוואלט אויפשטעהן צו חצות און אויך נישט געוואלט מעהר פאסטען „מאנטאג און דאנערשטאג". ווי געוועהנליך, איז דער חשד פון די אנדערע ישיבה בחורים אויף איהם דערפאר נאך מעהר געפאלען, ביז א געוויסען שבת, ווען מ'האט מר' עפשטיין אלס לוי אויפגערופען צו דער תורה, האט איינער אויסגעפיהרט זיין נקמה איבער איהם, און האט בקול רם אויסגעשריגען אז משה עפשטיין איז א כופר און א משומד, בכן ער לייענט אט דאס ביכעל . . .

פרעגט שוין גאר נישט, משה עפשטיין הלוי איז שוין נישט מעהר עולה לתורה געווען, מ'האט איהם דארט שיער דורס געווען. ער איז פשוט פון דארט ארויסגעלאפען „בשן ועין".

מילא א סוף אן עק. אז מ'יאגט פון אידען לויפט מען במילא צו קריסטען, וועלכע יאגען נישט, האסען נישט, שלאגען נישט, נייערט זיי ליעבען באהבת ישוע המשיח. זיי, די נאבעלע קריסטען, האבען איהם אויפגענומען מיט אפענע ארעמס און זיי האבען איהם באלד אוועקגעשיקט נאך האמבורג פון וואנען ער האט דאס ערשטע ברית חדשה'לע באקומען. אנשטאט האס האט ער דארט געפונען ליעבע. אנשטאט א מרחץ האט ער געפונען די טבילה אין ישוע המשיח, און אנשטאט דעם בית המדרש האט ער געפונען א קירכע, א קהילה קדושה בישוע המשיח.

מר' עפשטיין איז אריין אין „מאלטא קאלעדזש" שטודירען און נאך א 5־יעהריגען שטודיום האט ער געקאנט פארנעמען א פאסטאר שטעלע אין א קירכע, ער האט אבער בעסער געוואלט ווערען א מיסיאנאר צו זיינע אידישע ברידער וואס זיינען מפוזר ומפורד בין העמים.

אזוי זעהען מיר איהם רייזען אין די פרעמדשפרעכענדע לענדער, באנוצען זיך מיט זיינע פרעמדע שפראכען: ענגליש, דייטש, העברעאיש, אראביש, טערקיש, פערזיש, שפאניש און גריכיש, איבעראל האט ער געפונען אידען וואס האבען גערן צוגעהערט זיינע הארציגע דרשות פון ישוע המשיח.

אין באגדאד האט ער גע'דרש'ענט אויף דער סטריט וואו א ראבי האט איהם אויך צוגעהערט און ער איז פון איהם אזוי נתפעל געווארען אז ער האט איהם איינגעלאדענט צו דרש'ענען איין שבת אין זיין שוהל און מ'האט דערפאר דעם רב משלח געוועזן לעזאזל . . . עס איז אבער אלעם ווערט געווען אבי די קהלה האט געהערט פון ישוע המשיח.

אין סמירנא האט מען איהם ממש געשטייניגט ביי זיין דרשה צו א מענגע אידען אין דער סטריט. ער האט עס אבער פאר ליעב אנגענומען אבי אידען האבען געהערט פון דעם איינציגען גואל ומושיע, פודה ומציל.

אין א שטאדט אין פערזיען האט מען א בלבול אויף איהם אויסגעטראכט אז בכן ער איז א שפיאן פון א פרעמדער רעגירונג און איז אין געפאהר געוועזען [illegible] פארפעולט צו ווערען אין דער תפיסה, אבער אויך דאס האט איהם נישט [illegible] געהאלטען פון זיין מלאכת הקודש. אמת ער האט געהאט פיעל שונאים פאר זיינע אפענע דרשות צו אידען, ער האט אבער אויך געהאט פיעל הארציגע פריינד צווישען אידען וועלכע האבען דיעזע אמונה אנגענומען, און דאדורך גליקליך געוועזען.

אונזער מאדערנער משה איז געווען א גרויסער עניו כמעט אזוי ווי משה רבינו איז געווען, איבער וועלכען עס הייסט „והאיש משה עניו מאד". ער האט תמיד געהאט פאר יעדען א גוט ווארט — א גוטע עצה, און א טובה. יא, דער נאמען משה האט ווייט געקלונגען, א סך אויפגעטהון, און זיין נאמען וועט בלייבען פאר אימער איינגעקריצט אין ספר החיים. „ממשה עד משה לא קם כמשה".

> „ירושלים ירושלים ההרגת את הנביאים והסקלת את הנשלחים אליך כמה פעמים רציתי לקבץ את בניך כאשר תקבץ תרנגלת את אפרחיה תחת כנפיה ולא אביתם, הנה ביתכם ישאר לכם חרבה ולא תראוני עוד עד כי תאמרו ברוך הבא בשם ד'." (מתתיהו כ"ג)

פאַר וואָס איך גלויב אין ישוע

א צייגניס פון דוד ליעבהאבער

געבוירען און אויפגעצויגען בין איך אין א אידיש־חסידיש הויז. אזוי ווי אלע קינדער פון אזא שטאנד האָב איך אויך מורא געהאַט פאַר אַן עבירה, און זיך נאָך מעהר געשראָקען פאַר גאָט . . . שטענדיג געווען אין שרעק פאַר דעם טויט, נישט פאַר שיידען זיך מיט עולם הזה, נייערט מורא האָבענדיג פאַר'ן מלאך דומי . . .

אמת, איך האָב אויך ליעב געהאַט די מצוה און אויך גאָט — אין דער צייט וואָס איך האָב געטהון די מצוה, און דאָך קאָן איך נישט זאָגען אז איך האָב באמת מקיים געוועזען די מצוה „ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" ד"ה, דו זאָלסט דעם האַרר דיין גאָט ליעבען מיט דיין גאַנצען האַרץ. מיט דיין גאַנצער נשמה, מיט דיין גאַנצען געמיטה און מיט דיין גאַנצען כח, ווייל — איך האָב מיך צו־שטאַרק געשראָקען פאַר איהם. „אין פחד באהבה, כי אהבה שלמה תגרש את הפחד, כי הפחד מן העונש, והמפחד איננו שלם באהבה". (א' יוחנן 18, 4.) ד"ה, עס איז קיין פורכט פאַראַן אין דער ליעבע, די פאָלקאָמענע ליעבע וואַרפט אַרויס די פורכט . . . און דער וואָס פאַרכט זיך איז ניט פאָלקאָמען אין דער ליעבע.

דאָסזעלבע וואָס טרעפט זיך מיט די מעהרסטע חסידיישע בחורים האָט זיך אויך מיט מיר געטראָפען, אין דער זעלבער צייט וואָס איך האָב זיך געפיהלט ארומגערינגעלט פון די שרעקענדיגע שווארצע בית המדרש שאָטענס, האָט זיך טיעף אין מיין הערץ אָנגעהויבען צו ענטוויקלען א שטאַרקער פערלאַנג נאָך פרייהייט, און דער פועל יוצא איז געווען, ווען איך האָב זיך נור אָנגעהויבען צו טרעפען מיט די פרייע וועלט, האָבען די גרויסע שווארצע שאָטענס אָנגעהויבען ביסלעכווייז נעלם צו ווערען און צוזאמען מיט זיי איז אויך גאָט פערשוואונדען פון מיין האַרץ. צו 17 יאָהר בין איך שוין געווען א פאַרטיגער כופר בעיקר.

נאָך 6 יאָהר שפייזען מיין נשמה מיט די פילאָזאָפיעס פון שפינאָזא, ניטשע און אנדערע, האָב איך זיך געטראָפען אין א זומפּ פון ציניישען פעסימיזם, נידער־געשלאָגען, ענטוישט, פערצווייפעלט און מאָראליש פערדאָרבען. טיעף אין מיין נשמה האָט אָנגעהויבען צו פלאַקערן א נייער פלאַם. איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען א גרויס בענקשאַפט נאָך גאָט, נאָך דעם לעבעדיגען גאָט. דאָ איז אָבער מיין גרעסטע טראַגעדיע געווען, ווען איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענד צו גאָט, בעטענדיג איהם אז ער זאָל אין מיין האַרץ אריינקומען, האָב איך געפיהלט אז מיינע תפילות בלייבען אין די לופטען הענגען, קיין אָבקלאַנג, קיין ענטפער, איך האָב געפיהלט אז גאָט איז ווייט, ווייט, זעהר ווייט פון מיר, ערגעץ וואו אין די זיבענטע הימלען . . . פאַרשטעלט פון די דיקע שווארצע וואָלקענס וואָס איך קאָן קיינמאָל נישט אימשטאַנד זיין זיי דורכצוברעכען. טראַגיש, גאַנץ טראַגיש איז פאַר מיר יענע געגענוואַרט געווען.

דאָס ברית חדשה האָט שוין דאַמאָלס דעם פּלאַץ אין מיין ביכער־שראַנק געפונען ווען איך בין נאָך געווען אין מיינע ערשטע ספיקות. איך פלעג עס אויך פון צייט צו צייט לערנען. נאַטירליך מיט א פאָראורטייל. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען אין דער צייט ווען איך האָב ווירקליך געזוכט גאָט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסען די שפּעטע נאַכט־שטונדען זייענדיג אליין אין הויז, עפענדיג דאָס ברית חדשה איז מיין בליק געפאַלען אויף די ווערטער פון ישוע אין דער בשורה טובה פון מתתיהו י"א: „קומט צו מיר — זאָגט ישוע המשיח — אלע וואָס זיינען מיעד און האָבען א שווערע לאַסט אויף זיך, און איך וועל אייך רוה געבען. נעמט מיין יאָך אויף אייך און לערענט פון מיר, וואָרום איך בין זאַנפט־מוטיג און פון האַרץ דעמוטיג און איהר וועט געפינען רוה צו אייערע זעלען, וואָרום מיין יאָך איז אנגענעהם און מיין לאַסט איז לייכט".

פיהלענדיג דעם שווערען לאַסט אויף מיין רוקען און האָבענדיג דעם טיעפען פערלאַנג נאָך אַן אמת־גייסטליכער רוה האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּרייסען פון די זיסע ווערטער „קומט צו מיר אלע די וואָס זיינען מיעד", דאָס בילד איז מיר געוואָרען רעאַל און לעבעדיג, איך האָב אינסטינקטיוו געקאָנט פיהלען די שווערסטע אירדישע ליידען פון דעם מענשען־זוהן ישוע און צו דערזעלבער צייט אויך זיין הימלישע גייסטליכע רוה. „טרייסט מיך, נעם אראָפּ מיין שווערען פּאַק, גיב מיר דיין רוה", האָט זיך מיין הערץ אין געבעט באַוועגט. מיין געדאַנק האָט מיך שנעל איבערגעטראָגען צו די ווערטער פון ישוע אין יוחנן ג', 16: „אזוי האָט גאָט געליעבט די וועלט אז ער האָט געשיקט זיין איינגעבוירענעם זוהן אז יעדער וואָס וועט נור גלויבען אין איהם זאָל נישט פאַרלוירען געהן, נייערט האָבען דאָס אייביגע לעבען."

א סך מאָל האָב איך שוין געהאַט דיעזע ווערטער געלעזען, אָבער קיין איין מאָל האָב איך נישט געהאַט דאָס גליק צו געפינען דאָס וואָס איך האָב אין זיי דאַמאָלס געפונען און געפיהלט. וואָס פאַראַ געטליכע אוצרות האָט זיך דאַמאָלס פאַר מיר אָפּענבאַרט! עס איז מיר אויף אמאָל ליעב געוואָרען דער אמאָליגער שרעקענדיגער גאָט. דער שטענדיג פאַרנעפּעלדיגער גאָט איז מיר מיט אמאָל קלאָר געוואָרען. דער שטענדיג ווייטער גאָט איז מיר פּלוצים נאָהענט געוואָרען. איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען טיעף אין מיין האַרץ מיין טרייען גאָט און זיין ליעבע צו מיר.

ליעבע אידישע ברידער, ווער האָט אוועקגענומען די שוואַרצע פאָרהאַנג וואָס איז שטענדיג געהאַנגען צווישען גאָט און מיר? און ווער קאָן אוועקנעמען די שווערע וואַנד וואָס שטעהט צווישען גאָט און אייך, ווער? קיין אַנדערער נור ישוע. ווער קאָן דיר געבען גייסטיגע רוה, א האַרץ פול מיט ליעבע צו גאָט און צו מענשען? קיינער נור ישוע. קיין אַנדערער, נישט משה, נישט די נביאים. און נישט די גרעסטע פילאָזאָפען אָדער טהעאָלאָגען האָבען ווען־עס־איז געקאָנט אויסדריקען די דריי איינפאַכע אָבער גרעסטע ווערטער „אלהים הוא אהבה", ד"ה, גאָט איז ליעבע. (א' יוחנן 8, 4.) יוחנן, דער בעליעבטער תלמיד פון ישוע, זעהענדיג דעם געטליך־מענשליכען ישוע, גאָט'ס פאַרקערפּערונג, אויף דעם קרייץ הענגענדיג פאַר אונזערע זינד, האָט אויסגעשריגען: „גאָט איז ליעבע", דורך ישוע וואָס האָט דורך זיין לעבען אָפּענבאַרט די הערליכקייט גאָטעס, און דורך זיין שטאַרבען אויפ'ן קרייץ האָט ער אָפּענבאַרט די ליעבע גאָטעס.

יא, נור דורך איהם קענען מיר קומען צו גאָט. „איך בין דער וועג — זאָגט ישוע — די וואַרהייט און דאָס לעבען און קיינער קומט צום פאָטער נור דורך מיר". (יוחנן ו', 14.)

די בעסטע רפואה פאַר דער נייער מכה

דער אויבען־דערמאַנטער יונגערמאַן, מר' ליעבהאבער, איז די בעסטע אילוסטראַציע ווי אזוי היינטיגע אידישע יונגעלייט קענען געהאָלפען ווערען פון זייער גייסטיגער פערצווייפלונג. עס איז פון אייביג־אָן געווען א מין בהלה צווישען אידישע יונגעלייט וועלכע האָבען זיך כלומר'ש גערופען משכילים, ווייל זיי האָבען קיין גייסטיגען פראָפיט באַצויגען פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער ערציהונג. איצט האָט זייער משוגעת דערגרייכט א גאַר־שרעקליכע מדרגה, העט־העט צו־ווייט.

ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלען אז אידישע יונגע בחורים און בתולות זאָלען שטיפטען אַן אַטעאיסטישען קלאָב? זיי האָבען קיין בושה פאַר מענשען און קיין רחמנות פאַר זייערע עלטערען וועמען זיי זיינען אזוי שרעקליך מצער דערמיט. זיי דערשטיקען דעם לעצטען אידישען פונק פון גלויבען אין גאָט און אין זיין תורה. זיי ווערען פּשוט'ע הפקר־מענשען און דאַן נעמען זיי זיך אום פערצווייפלונג זייער אייגען לעבען.

פאַרוואָס איז דאָס אזוי? דאָס אויבען־דערמאַנטע אַרטיקעל פון מר' ליעבהאבער ערקלערט דאָס זעהר דייטליך. ער איז אויך אמאָל געווען ביי יענעם תהום פון הפקר און יאוש. וואָלט ער נישט געווען געפונען טרייסט אין ישוע המשיח וואָלט מיט איהם אויך געווען אזוי פּאַסירט. דער אידישער יונגערמאַן ווערט אויפגעצויגען אין א געצוואונגענער בעאָבאַכטונג פון געוויסע צערעמאָניען. ער פאַרשטעהט נישט נאָך דעם זין דערפון. ער ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַר־ווען ער דאַרף לייגען תפילין און מאַכען א ספּיטש צו דער בר מצוה. ער ווייסט נישט וואָס ער זאָגט ווען ער מאַלט אָב דאָס דאַווענען מיט די ליפּען אזוי ווי מיט א מיהל, עס שפּיגעלט זיך אָב אין דער ערציהונג פון דער אידישער יוגענד די אַלטע ווערטער פון ישעיה הנביא „יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני ותהי יראתם אתי מצות אנשים מלמדה." (קאַפּיטעל כ"ט.)

איז עס א וואונדער אז ווען א אידיש אינגעל וואַקסט אביסעל אונטער און לייענט די פאַרפיהרערישע ביכער פון שפּינאָזא, ניטשע א. ד. ג., אז ער ווערט אזוי צומישט, וואַרפט אלעס אוועק און

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרועה הטוב יוחנן 10-11

רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. IX No. 10 — 50 CENTS A YEAR — JUNE, 1927

א נייער געזעץ פאַר אונגאַרישע אידען

די אידען אין אונגאַרן האָבען שטענדיג געלעבט אין דעם אונגאַרישען לאַנד זעהר גליקליך און צופריעדען ביז צו דער לעצטער מלחמה. עס איז אפשר נישט געווען אַן אַנדער לאַנד אין דער גאַנ־צער וועלט אין וועלכען אידען זיינען געווען אַזוי פריי אין האַנדעל און אין בילדונג ווי אין יענעם לאַנד. אידען האָבען זיך דערפאַר געפיהלט גאַנץ היימיש אין זייער לאַנד, זיי זיינען געוואָרען הייסע אונגאַרישע פּאַטריאָטען, זיי האָבען אַדאָפּטירט די אונגאַרישע שפּראַך אין זייער טעגליכען פאַמיליען־לעבען, ביז דאָס יונגוואַרג האָט מעהר ניט געקאָנט אַ אידיש וואָרט אַרויסרעדען, און מיט יענעם גייסט פון פּאַטריאָטיזמוס איז אויך געקומען דער חשק צו מאַדיאַריזירען זייערע אידישע נעמען אַזוי אַז זיי זאָלען קלינגען ריין אונגאַריש און ניט חלילה אידיש.

אָבער זייט דער לעצטער מלחמה האָבען זיך די אומשטענדען אויך אין אונגאַרן געביטען, פאַר־פאָלגונגען, האַס און רציחה האָבען זיך געיאַוועט פון אַלע זייטען אין יענעם לאַנד, און איצט האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ ניי געזעץ אַז אידען טאָרען ניט איבערענדערען זייערע אידישע נעמען.

מיר ווילען זיך דאָ אָבשטעלען אויף דער נייגונג צווישען אידען אין דער גאַנצער וועלט צו ענדערען זייערע נעמען. דער חשק פּטור צו ווערען פון אידישען נאָמען איז ניט נור אייגענטימליך צווישען אונגאַרישע אידען. נייערט עס איז כאַראַקטערים־טיש כמעט ביי אַלע אידען אין דער וועלט.

אייניגע האָבען אַן אויסרייד אַז זיי בייטען זיי־ערע נעמען צוליעב בעסערע פּרנסה, ווייל דער אידי־שער נאָמען שטערט זיי אין זייערע געשעפטען. דאָס הייסט, זיי ענדערען זייערע נעמען צוליעב עקאָנאָ־מישע אומשטענדען. אַנדערע ווידער דענקען אַז ווען זיי וועלען פאַרבייטען זייערע אידישע נעמען וועלען די גוים נישט וויסען זייער אָבשטאַמונג און זיי וועלען במילא מעהר רעספּעקט האָבען פון זייערע גוי'שע שכנים. אַנדערע ווידער וועלכע זיינען רייך און יאָגען זיך נאָך כל'ערליי פאַרגעניגענס, זיי ווילען דוקא אַריינקומען אין הויכער געזעלשאַפט פון רייכע גוים, האָבען אַזאַ מין סיבה צו ענדערען זייערע נע־מען, ווייל מיט זייערע אידישע נעמען וועלען די גוים זיי ניט וועלען אַריינעמען אין זייער געזעלשאַפט.

קורץ, מיט אַ קליינער אויסנאָהם זיינען אַלע אידען געניינט צו פאַרבייטען זייערע נעמען אַזוי אַז זיי זאָלען קלינגען אין האַרמאָני מיט די נעמען פון די גוים צווישען וועלכע זיי וואוינען.

מיר געפינען אַז דיעזע אייגענטימליכקייט צווי־שען אידען האָט דעם אורשפּרונג פון אַ פּראָפּעטי־שער קוואַל. ווי מיר וויסען האָט לויט דער ביבעל כמעט יעדער נאָמען אַ סימבאָלישע בעדייטונג. באַלד אויפ'ן ערשטען שריט וואָס גאָט האָט געמאַכט צו ערוועהלען די קינדער פון אברהם אבינו פאַר זיין פאָלק, האָט שוין גאָט פאַרביטען דעם נאָמען פון אברם אויף „אברהם", און גיט דעם סימבאָלישען זין דערפון אַלס „אב המון גוים". ווידער האָט גאָט פאַרביטען דעם נאָמען פון יעקב אויף „ישראל" ווייל „כי שרית עם אלהים". דיעזע ענדערונג פון נעמען געפינען מיר ביים אָנהויב פון דער אידישער נאַציע, און אַזוי וועט אויך זיין אַ מערקווירדיגע ענדערונג פון נאָמען פון דער אידישער נאַציע צום סוף, באחרית הימים.

אין ישעיה ס"ב לעזען מיר: „וקורא לך שם חדש אשר פי ד' יקבנו", ד"ה. גאָט זאָגט דאָרט, דורכ'ן נביא, אַז דער סוף פון אידישען פאָלק וועט זיין אַז זיי וועלען ווערען צדיקים און אַלס איין אויסדרוק פון דיעזער קאָלאָסאַלער פּאַסירונג פון צדקות וועלען אידען קריגען אַ נייעם נאָמען, וועל־כעס וועט סימבאָליש אַהין ווייזען אַז זיי זיינען געוואָרען צדיקים.

וואָס דער נייער נאָמען וועט זיין ווערט אונז דאָרט נישט געזאָגט, נור ווען מיר זוכען אין דעם הייליגען תנ"ך קענען מיר לייכט אויסגעפינען וואָס דער נייער נאָמען וואָס ציינט אַהין אויף צדקות וועט זיין.

לויט ווי מיר געפינען אין תנ"ך ווייסען מיר אַז קיין מענש אין דער וועלט קאָן זיין אַ צדיק אין גאָטס אויגען, אַזוי ווי עס הייסט „הן שמים לא זכו בעיניו אף כי לבות בני אדם", דערפאַר האָט אונז גאָט געגעבען דעם הייליגען משיח אַז דורכ'ן גלוי־בען אין איהם זאָלען מיר גערעכענט זיין אין גאָטס אויגען פאַר צדיקים, אַזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: „בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים". און דאָרט אין זעלבען קאַפּיטעל געפינען מיר אויך די אורזאַך פאַרוואָס דער משיח קאָן אונז מאַכען פאַר צדיקים אין גאָטס רעכענונג, ווייל „וה' הפגיע בו את עון כלנו", גאָט האָט אויף דעם משיח אַרויפ־געלעגט אַלע אונזערע זינד און אַזוי־נאָך ווערען מיר גערעכענט אַלס ריין און הייליג ביי גאָט. אַלץ וואָס מיר דאַרפען איז, אַז מיר זאָלען דאָס גלויבען און דעם משיח אָננעמען אַלס אונזער קרבן אשם. פּונקט אַזוי ווי אברהם אבינו וועלכער איז גע־רעכענט געוואָרען פאַר אַ צדיק נור דורך גלויבען. אַזוי ווי עס איז געשריבען, „והאמין בד' ויחשבה לו צדקה". (בראשית ט"ו, 6.)

און אין זכריה י"ב הייסט עס, אַז אידען וועלען נאָך אַלע שווערע צרות און נאָך אַ לאַנגען גלות, ענדליך אַרויפבליקען און אָננעמען ישוע המשיח, דעם וואָס זיי האָבען געלאָזט הרג'ענען און צו־שטעכען פון די רוימישע סאָלדאַטען, אַזוי ווי עס הייסט: „והביטו אלי את אשר דקרו„.

און אין ירמיה כ"ג ווערט דער משיח אָנגע־רופען „צמח צדיק", און אויך אַזוי וועלען אידען וואָס וועלען גלויבען אין איהם אָנגערופען ווערען „צדיקים", אַזוי ווי עס הייסט „ועמך כלם צדיקים". און דאָס איז אַ באַוואוסטער פאַקט אין דער מענש־ליכער היסטאָריע אַז אַ צדיק וויל אַז אַלע מענשען זאָלען זיין צדיקים, אַ רשע קימערט זיך זעהר ווע־ניג וואָס פאַר אַ גייסטיג לעבען אַנדערע מענשען פיהרען, דאַגעגען אָבער אַ צדיק באַקימערט זיך יאָ. דערפאַר וועט עס אַזוי געשעהן אַז אידען, צדיקים דורך דעם צדיק ישוע המשיח, וועלען באַ־קומען אַ נייעם גייסט און זיי וועלען אין זיך האָבען אַ שטאַרקעס פערלאַנגען אַרויסצוגעהן צו אַלע נאַ־ציאָנען און צו זיי דרש'ענען די בשורה טובה אין ישוע המשיח כדי אַלע זאָלען ווערען צדיקים. דאָס וועט זיין די אורזאַך פון דעם גרויסען כבוד וואָס מ'וועט אָבגעבען אידען. ווייל מ'וועט זעהן אַז זיי לעבען נישט נור פאַר זיך אַליין, נייערט אַז אויך אַנדערע זאָלען גליקליך לעבען דורך דעם הייליגען משיח און דערפאַר וועט מען זיי רופען אַ נייעם נאָמען, מעגליך „מיסיאָנערן", מעגליך „צוריקגע־קעהרטע אידען", אָדער משיחיים, זיכער איז עס אָבער אַז דער נייער נאָמען וועט צו טהון האָבען מיט דער אמונה בישוע המשיח.

וועגען דעם איז דאָס דער איד איבעראַל אין דער וועלט פיהלט אַן אינסטינקט צו פאַרבייטען זיין נאָמען, ווייל זיין אָנהויב און דער סוף אַלס אַ נאַ־ציאָן האַנדעלט זיך מיט פאַרבייטען פון דעם נאָמען.

אונזערע פערזאַמלונגען:

פרייטאַג נאַכט 8 אוהר — פיר מענער און פרויען
זאָנטאַג נאַכט 8 אוהר — פיר מענער און פרויען

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.